A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונפארטייאיש
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4316 — TORONTO, SUNDA 26 1924 — כה תשרי פרשה נח, תרפ"ה — טאראנטא, זונטאג דער 26-טער אקטאבער, 1924. — PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library

פ. סמיטה און דזשארוויס שולדיג און פאראורטיילט

געוועזענער פינאנץ-מיניסטער פון אנטאריא פאראורטיילט צו דריי יאהר פעניטענשערי

פיטער סמיטה, עקס פראווינשעל טרעזשורער, און דזשארוויס סיניאר געפונען שולדיג אין קאנספיראציע. — דזשארוויס דארף זיצען זעקס מאנאטען. — ביידע דארפען אויך באצאהלען זעקס הונדערט טויזענט דאלאר שטראף. — דזשארוויס דזשוניאר און הערי פעפאל זענען באפרייט געווארען. — סמיטה און דזשארוויס ניט שולדיג אין גנבה-קלאגען. — לאיערס וועלען אפעלירען געגען אורטייל.

פיטער סמיטה, דער געוועזענער פינאנץ-מיניסטער אין דער דרורי-רעגירונג, איז געפונען געווארען שולדיג אין קאנספיראציע צו באשווינדלען די רעגירונג און ער איז פאראורטיילט געווארען צו דריי יאהר אין פעניטענשערי.

אמעליוס דזשארוויס, סיניאר, דער הויפט פון א באוואוסטער באנד און בראקער-פירמע אין שטאדט, איז אויך געפונען געווארען שולדיג אין קאנספיראציע און איז פאראורטיילט געווארען צו זעקס מאנאטען אין קאונטי דזשייל.

חוץ דעם זענען ביידע, סמיטה און דזשארוויס באשטראפט געווארען צו זעקס הונדערט טויזענט דאלאר שטראף און זיי דארפען זיצען אין תפיסה ביז דאס געלט ווערט באצאהלט.

אמעליוס דזשארוויס, דזשוניאר, דער זוהן פון פאראורטיילטען בראקער און הערי דזשי. פעפאל, גענעראל מענעדזשער פון דער פירמע, זענען געפונען געווארען ניט שולדיג און זענען באלד באפרייט געווארען.

דאס איז דער רעזולטאט פון דעם סענסאציאנעלסטען פראצעס וואס איז ווען פארגעקומען אין אנטאריא, א פראצעס אין וועלכען עס איז, צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער פראווינץ, געשטאנען אנגעקלאגט פאר'ן געריכט אין גנבה און קאנספיראציע-קלאגען, א געוועזענער מיניסטער, וועמען עס איז אין לויף פון עטליכע יאהר געווען אנפארטרויט די קאסע פון דער אנטאריאר רעגירונג.

אלע פיער אנגעקלאגטע זענען געפונען געווארען ניט שולדיג אויף די גנבה-קלאגען.

די לאיערס האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען אפעלירען געגען דעם אורטייל.

דער פראצעס וועלכער איז פארגעקומען פאר הויפט-ריכטער מערעדיטה און א דזשורי אין קרימינעלען געריכט, האט זיך אנגעהויבען לעצטען מאנטאג און איז פארענדיגט געווארען זעקס זייגער פרייטאג אווענט.

דזשורי האט זיך בעראטען פינף שטונדען

עס האט גענומען דער דזשורי פינף שטונדען צו איינינגען זיך אויף א ווערדיקט. ווען די דזשורילייט זענען אריינגעקומען אין געריכט-זאל, א פערטעל צו זעקס, איז ענטשטאנען א טויטע שטילקייט און אלעמענס אויגען זענען געווען געווענדעט אויף הענרי היילאנד, פארמאן פון דער דזשורי.

,,האט איהר זיך געאייניגט אויף א ווערדיקט ?'' האט געפרעגט דער קלוירק.

,,יעס'', האט געענטפערט דער פארמאן.

,,שולדיג אדער ניט שולדיג ?''

דער פארמאן האט געענטפערט מיט לייענען דעם ווערדיקט.

,,מיר, די דזשורי, געפינען אמיליוס דזשארוויס, סיניאר, און פיטער סמיטה שולדיג אין קאנספיראציע.

,,אויך געפינען מיר אז אמיליוס דזשארוויס, דזשוניאר, און הערי דזשי. פעפאל זענען ניט שולדיג אין קאנספיראציע.

,,אויך געפינען מיר, אז די פיער אנגעקלאגטע זענען ניט שולדיג אין די גנבה-קלאגען''.

נאך דעם ווי דער ריכטער האט באדאנקט דער דזשורי און האט פרייגעשפראכען די צוויי אנגעקלאגטע וואס זענען געפונען געווארען ניט שולדיג האט ער געפרעגט סמיטהן צו ער וויל עפעס זאגען.

סמיטה זאגט, אז ער איז ניט שולדיג

סמיטה האט געענטפערט, אז ער וויל ווידערהאלען דאס ער איז ניט שולדיג. ער האט זיך געזעהן מיט'ן עלטערען דזשארוויס בלויז איינמאל אדער צוויי מאל און ווען דער באנדדיעל איז דורכגעפיהרט געווארען איז ער גאר געווען קראנק. די דזשורי האט איהם געפונען שולדיג און ער וואהפט זיך אונטער דעם אורטייל, ער וועט אבער אפעלירען צו א העכערען געריכט און האפט אויף באפרייאונג.

דא האט דער געוועזענער טרעזשורער צוזאמענגעבראכען און טרעהרען האבען איהם גענומען רינען איבער'ן

(פארזעצונג אויף זייטע 4)



עמיליוס דזשארוויס, סיניאר

פיטער סמיטה

מאיאריטעט פאר א.ט.א. שוין איבער 40 טויזענט

פאלשטענדיגער רעזולטאט איז נאך אלץ ניט באקאנט. — פרעמיער פוירגוזאן ערקלעהרט, אז קיינע ענדערונגען וועלען ניט געמאכט ווערען אין דער געזעץ וועט שטרענג דורכגעפיהרט ווערען. — רייבונגען אין דער קאנסערוואטיווער פארטיי ?

—):0:(—

די מאיאריטעט פאר'ן טעמפערענס עקט אין דעם פלעביסציט, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג, האט שוין שבת פריה געהאלטען איבער פערציג טויזענט. ביז דאן זענען אריינגעקומען באריכטען פון 6,591 סובדיוויזשאנס און דער רעזולטאט איז געווען:

פאר א. ט. א. — 542,196.

רעגירונגס-קאנטראל — 501,828.

מאיאריטעט פאר א. ט. א. 40,388

אין גאנצען זענען דא 332, 7 סובדיוויזשאנס און די ,,טרוקענע'' מאיאריטעט קאן נאך פארגרעסערט ווערען.

פרעמיער פוירגוזאן האט פרייטאג, נאך א זיצונג פון מיניסטארען-קאבינעט, ארויסגעגעבען א סטייטמענט, אז דער ווילען פון פאלק, ווי אויסגעדריקט אין דעם פלעביסציט, איז בינדענד פאר דער רעגירונג און דער טעמפערענס עקט וועט שטרענג אפגעהיט ווערען.

אין דעם סטייטמענט ווערט צוגעגעבען, אז די שטארק פארקלענערטע מאיאריטעט פאר א. ט. א., אין פארגלייך מיט'ן רעפערענדום אין 1919, מאכט שווערער די דורכפיהרונג פונ'ם געזעץ, ווייל די געזעלשאפטליכע מיינונג איז א וויכטיגער פאקטאר דערביי. דער געזעץ אבער מוז און וועט דורכגעפיהרט ווערען.

עס הערט זיך, אז אין די רייהען פון די קאנסערוואטיווען טומעלט זיך זעהר שטארק איבער דעם רעזולטאט פון דעם פלעביסציט. פארטרעטער אין דער לעגיסלאטור פון די שטעדט וואס האבען געשטימט פאר נאס בונטעווען זיך געגען דעם פרעמיער און זאגען, אז זיי וועלען ניט שטיצען נייע געזעצגעבונג אויף דורכפיהרען דעם א. ט. א.

ליטווישע רעגירונג קלאגט אן עקזעקוטיוו-מיטגלידער פון נאציאנאל-ראט

קאוונא, אקטאבער 25, (איטא).

די רעגירונג האט פארפיהרט א פראצעס געגען די עקזעקוטיוו-מיטגלידער פון דעם ליקווידירטען אידישען נאציאנאל-ראט.

די געזעצגעבונגס-קאמיסיע פון סיים האט נידערגעשטימט א ביל צו לעגאליזירען דעם נאציאנאל-ראט און האט אנשטאט דעם אנגענומען דעם ביל פון די קריסטליכע דעמאקראטען וועגען רעארגאניזירען די אידישע געמיינדעס אויף אזא אופן, וואס זאל אוועקנעהמען פון זיי דאס רעכט ארויפצולעגען שטייערען.

ענגלישער אויסערן-מיניסטעריום פראטעסטירט געגען סאוועט-פראפאגאנדע

מיניסטעריום פארעפענטליכט שארפען פראטעסט צו קריסטיען ראקאווסקי, דער רוסישער פארטרעטער אין ענגלאנד, געגען פראפאגאנדע. — פראטעסט באזירט אויף א בריעף וואס זינאוויעוו זאל האבען געשיקט צו די ענגלישע קאמוניסטען. — ראקאווסקי ענטפערט, אז דער בריעף איז א געפעלשטער.

לאנדאן, אקטאבער 25.

דער אויסערן-מיניסטעריום האט נעכטען פארעפענטליכט א בריעף וואס איז געשיקט געווארען צו קריסטיען ראקאווסקי, רוסלאנד'ס פארטרעטער אין ענגלאנד, אין וועלכען עס ווערט שארף פראטעסטירט געגען דעם וואס סאוויעט-רוסלאנד פיהרט אן פראפאגאנדע אין ענגלאנד. דער פראטעסט איז באזירט אויף א בריעף וואס זינאוויעוו, פארזיצענדער פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, זאל האבען געשיקט צו די ענגלישע קאמוניסטען, אין וועלכען ער פאדערט זיי אויף צו ארבייטען פאר א געוואלדזאמער רעוואלוציע אין ענגלאנד.

ראקאווסקי האט היינט געענטפערט מיט א פראטעסט אויף דעם פראטעסט. ער פראטעסטירט געגען דעם וואס ער איז ניט אינפארמירט געווארען פון דער געפלאנטער פראטעסט-נאטע, איידער עס איז פארעפענטליכט געווארען און ער ערקלעהרט, אז דער ,,זינאוויעוו בריעף'' איז אן ,,אויסגעטראכטע פעלשונג''.

די מעשה מיט דעם ,,זינאוויעוו בריעף'' און דער פראטעסט פון מיניסטעריום איז איצט די סענזאציע פון טאג און עס וועט זיכער שפילען א גרויסע ראליע אין די אלגעמיינע וואהלען, וואס וועלען פארקומען דעם קומענדען מיטוואך. דער אינצידענט וועט זיכער שטארק אויסגענוצט ווערען צו אטאקירען די לייבאר-רעגירונג און די לייבאר-פארטיי. די אנטי-רעגירונגס פרעסע זאגט שוין, אז זינאוויעוו'ס בריעף, וועלכער איז דאטירט דעם 15-טען אויגוסט, איז געווען אין די הענט פון דער רעגירונג מיט עטליכע וואכען צוריק, און זי האט עס ערשט איצט פארעפענטליכט ווייל די פרעסע האט זיך דערוואוסט וועגען דעם.

אין דעם זאגנאנטען ,,זינאוויעוו בריעף'' ווערען די ענגלישע קאמוניסטען אויפגעפאדערט צו ארבייטען פאר דעם אז די ענגליש-רוסישע טריטי זאל ראטיפיצירט ווערען. עס ווערט ערקלעהרט, אז די לינקע אין דער לייבאר פארטיי האבען געצוואונגען מעקדאנאלד'ן צו שליסען די טריטי און אז א ווייטערדיגער דרוק דארף אויסגעאיבט ווערען צוגונסטען דער טריטי.

ווייטער ווערען די קאמוניסטען אויפגעפאדערט צו גרייטען זיך צו א באוואפנטען אויפשטאנד און ארבייטען פאר דעם צוועק אין די רייהען פון די סאלדאטען און מאטראזען.

אין דער פראטעסט-נאטע פון מיניסטעריום ווערט אנגעוויזען, אז די סאוויעט רעגירונג האט א נאהענטע שייכות צום קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל און זי דארף ניט דערלאזען אזא פראפאגאנדע, וואס דאס איז געגען די פארשפרעכונגען פון דער סאוויעט-רעגירונג.

פראנקרייך וועט אנערקענען רוסלאנד אהן באדינגונגען

פאריז, אקטאבער 25

אין גוט אינפארמירטע קרייזען איז נעכטען באהויפטעט געווארען, אז די פראנצויזישע רעגירונג וועט די טעג אפיציעל אנערקענען די סאוויעט רעגירונג אהן קיין שום באדינגונגען. דיפלאמאטישע באציהונגען וועלען גלייך אנגעשטעלט ווערען און ערשט דאן וועט מען אנהויבען פארהאנדלען די פראגען וועגען חובות.

פארד האט באצאהלט 17 מיליאן אינקאם טעקס

ניו יארק אקטאבער 25

צאהלט 17 מיליאן אינקאם טעקס, לויט הענרי פארד האט אין 1923 בא- די ציפער פון טרעזשורי דעפארטמענט איז הענרי פארד דער רייכסטער מאן אין אמעריקע.

דזשעק דעמפסי, דער ,,פייטער'' האט באצאהלט איבער 90 טויזענט דאלאר.

דירעקטאר פון ,,יאנג דזשודעא'' וועט העלפען קרן היסוד קאמפיין

סעמיועל דזשיי. ראדמאן, דער דירעקטאר פון דער ,,יאנג דזשודעא'' ארגאניזאציע אין קאנאדע, איז איצט געקומען קיין טאראנטא צו העלפען אין דעם פערטעל מיליאן קוואדערס קאמפיין פאר'ן קרן היסוד, וואס דיזע ארגאניזאציע פיהרט איצט אן. צו שאפען א פערטעל מיליאן קוואדערס — דאס איז דער בייטראג וואס די היגע ,,יאנג דזשודעא'' האט זיך אונטערגענומען צו שאפען אין דעם איצטיגען קרן היסוד קאמפיין.

סעמיועל דזשיי ראדמאן

מר. ראדמאן וועט דא פארברענגען ארום א וואך צייט. ער איז א געוועזענער אידישער לעגיאנער און איז געווען צוויי יאהר אין פאלעסטינע. ער האט פארלאזען דעם דזשאן האפקינס אוניווערזיטעט אין באלטימאר צו אנשליסען זיך אן לעגיאן און נאך זיין דעמאביליזאציע האט ער ווייטער שטודירט אין ניו-יארקער קאלאמביא אוניווערזיטעט. לעצטענס איז ער געווען פארבונדען מיט דער ,,דזשואיש וועלפער באארד''. מיט עטליכע וואכען צוריק איז ער באשטימט געווארען אלס דירעקטאר פון ,,יאנג דזשודעא'' אין קאנאדע.

פיער באנק-באנדיטען אויפגעהאנגען

מאנטרעאל, אקטאבער 25

די פיער באנק-באנדיטען, מארעל, פרענק, סעראפיני און גאמבינא, זענען אויפגעהאנגען געווארען נעכטען פינף א זייגער פארטאג.

מען האט זיי אויפגעהאנגען פארוויז אין באזונדערע טיילען פון דעם פרייזאן-הויף. מארעל האט געוואלט צו זעהן ווי מען האט אויפגעהאנגען זיין חבר גאמבינא און פרענק האט געווארט ביז מען האט אויפגעהאנגען סעראפיני.

גאמבינא איז ארויסגעשלעפט געווארען אויף דער תליה אין א האלב באוואוסטלאזען צושטאנד.

נייע רעגולאציעס אין דזשענעראל האספיטאל

ווי עס לאזט אונז וויסען מר. ראז, אינטערפרעטער פון אידישען פאלקס-פאראיין, זענען אין דזשענעראל האספיטאל געמאכט געווארען נייע רעגולאציעס באצוג די וועלכע קומען אין דער פרייער דיספענסערי.

אלע פאציענטען מוזען קומען אין דער דיספענסערי ניט שפעטער ווי 9.15 פריה, נאך דער צייט וועלען זיי ניט אויפגענומען ווערען.

פאר אויערען, נאז האלז און אויגען קראנקהייטען געפינען זיך דאקטוירים אין דער דיספענסערי צוויי אזייגער נאכמיטאג, אויסער שבת און זונטאג.

אמעריקאנער בירגער האט פרייוויליג פארלאזען ווראנגעל אינזעל

פעטראבאוולאווסקי, סיביר, אקט. 25

נעכטען איז אנגעקומען אהער די סאוויעט-שיף ,,רויטער אקטאבער'' פון ווראנגעל אינזעל און די שיף האט געבראכט דעם אמעריקאנער, טשארלס וועלס, און צוועלף עסקימאסען, וואס זענען געווען אויף דעם אינזעל.

פראפעסאר דאווידאוו, הויפט פון דער רוסישער עקספעדיציע, האט ערקלעהרט, אז וועלס האט פרייוויליג פארלאזען דעם אינזעל, ווייל ער האט ניט געוואלט פארבלייבען דארט.

זוהן פון באראן ראטשילד האט חתונה מיט אמעריקאנער גרושה

ווין, אקטאבער 25 (איטא)

די סענזאציע פון טאג אין דער ווינער הויכער געזעלשאפט איז היינט געווען די פלוצלינגע חתונה פון אויגען ראטשילד, דער דריטער זוהן פון אלבערט ראטשילד, מיט אן אמעריקאנער געגט'ע פרוי.

די נייע מרס. ראטשילד איז באקאנט אלס די גרעסטע שעהנהייט פון ווין. זי איז אן אמעריקאנער געבוירענע, מיס וואולף, און האט צום ערשטען מאל געהייראט מיט'ן אמעריקאנער רעגטיסט מיט'ן נאמען ספאטסוואוד. שפעטער האט זי זיך מיט איהם געגט און חתונה געהאט מיט גראף שעהנבאהן. דער יונגער ראטשילד איז איהר דריטער זיווג.

400 טויזענט אידישע פאמיליעס ווילען פארנעהמען זיך מיט ערד-ארבייט אין אוקראינע

—):ס:(—

מאסקווע, אקטאבער 25 (איטא).

פיער הונדערט טויזענט אידישע פאמיליעס ווילען זיך באזעצען אויפ'ן לאנד און פארנעהמען זיך מיט ערד ארבייט, לויט די סטאטיסטיק וואס איז געזאמעלט געווארען פון אוקראינישען אגריקולטור קאמיסיריאט.

עס ווערען איצט געמאכט פארבערייטונגען צו קאלאניזירען דריי טויזענט אידישע פאמיליעס, און די געגענדען פון אדעס און יעקאטערינאסלאוו.

לויט א באריכט וואס דער אידישער קאמיסאר, מערעזשין, האט צוגעשטעלט צום מאסקווער קאמיטעט, פאדערט זיך 15 הונדערט גאלדענע רובעל אויף צו קאלאניזירען איין פאמיליע, וואס מיינט 2 און א פערטעל מיליאן דאלאר פאר די דריי טויזענט פאמיליעס.

מעקסיקא ברעכט אפ פארהאנדלונגען מיט ענגלאנד

מעקסיקא סיטי, אקטאבער, 25.

די רעגירונג פון מעקסיקא האט אפגעבראכען אלע פארבינדונגען מיט ענגלאנד. דער אויסערן-מיניסטעריום מאכט באקאנט, אז אלע קאנסולען אין ענגלאנד ווערען צוריקגערופען.

דיזע האנדלונג פון דער מעקסיקאנער רעגירונג זאל זיין א רעזולטאט דערפון וואס דער ענגלישער קאנסול זאל האבען געזוכט אונטערצוקויפען די ארעסטירטע וועלכע ווערען באשולדיגט אין ערמארדען די ענגלישע פרוי, ראזאליע עוואנס.

שיף מיט 21 פערזאן דערטרונקען

דינא, אקטאבער 25

אלע פאסאזשירען און די מאנשאפט פון דער שיפעל ,,באלינדער'' צוזאמען 21 פערזאן, זענען נעכטען אומגעקומען, ווען די שיף איז געזונקען געווארען אין א שטורם.

מערדער פון פאשיסט-רעדאקטאר קריגט אכט יאהר תפיסה

פאריז, אקטאבער 25.

ערנעסטא באנאמיני, וועלכער האט געשאסען און דער'הרג'עט דעם איטאליענישען פאשיסט, ניקאלא באנסערוויזיא, א פערזענליכער פריינד פון פרעמיער מוסאליני, איז פאראורטיילט געווארען צו אכט יאהר תפיסה און שווערע ארבייט.

דער מארד איז פארגעקומען דעם 20-טען פעברואר אין פאריז. באנאמיני דערקלעהרט, אז מיט'ן אטענטאט איז ער אויסען געווען צו פראטעסטירען געגען דעם פאשיסטי-טעראר.

א טאג נייעס אין טאראנטא

מאריס סעמיועל וועט אדרעסירען היגע ,,בני ברית''

מאריס סעמיועל, דער באקאנטער אידיש-ענגלישער שריפטשטעלער און רעדאקטאר פון דער ענגלישער אפטיילונג פון ,,טאג'', וועט דעם דריטען נאוועמבער אדרעסירען די היגע ,,בני ברית'' אין קינג עדווארד האטעל.

שטערבליך פארוואונדעט

דער פיער יעהריגער אינגעלע, ראי לי, פון 608 בלור סטריט וועסט, איז איבערגעפארען געווארען פון אן אויטאמאביל און ער ליגט איצט אין א קריטישען צושטאנד אין וועסטערן האספיטאל.

פארזאמלונג פון בוטשערס

א פארזאמלונג פון אלע אידישע כשר בוטשערס אין שטאדט וועט היינט, דריי א זייגער נאכמיטאג, אפגעהאלטען ווערען אין 196 ספעדיינע עוועניו, וואו עס וועט פארהאנדעלט ווערען וועגען העלפען דעם לייבאר לייסעאום קאמפיין און אויך אנדערע פראגען.

אנגעקומענע שיפען!

,,וועזיריסטאן'' פון ראטערדאם אין מאנטרעאל.

,,וועלאנד קא.'' פון האמבורג אין מאנטרעאל.

,,ראקסבי'' פון אנטווערפען אין מאנטרעאל.

אסיף דימאוו'ס פרוי געשטארבען

ניו יארק, אקטאבער 25. (איטא).

אירען, די פרוי פון באקאנטען אידישען דראמאטורג, אסיף דימאוו, איז געשטארבען.